א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת לך לך

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'והיה ברכה' - אין ארץ ישראל

**"אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ... וֶהְיֵה בְּרָכָה"** (יב א-ב)

די שבע ברכות וואס מ'זאגט ביי א שמחת חתן וכלה ענדיגט מען מיט א עקסטערע ברכה אויף ירושלים. א שיינער טעם אויף דעם האט געזאגט **רבי אריה צבי פרומער** דער קאז'גלאבער רב געבויעט אויף דעם פסוק:

די סיבה פארוואס מיר וואונטשן אן דעם חתן און די כלה נאך זייער חתונה, כדי צו מבטל זיין פון זיי די קללה וואס אדם הראשון און זיינע קינדער זענען געשאלטן געווארן. דעם כח צו בענטשן האבן די אידן פון די ברכה וואס אברהם אבינו עליו השלום איז געבענטש געווארן אין אונזער פרשה: "וֶהְיֵה בְּרָכָה", און אזוי ווי רש"י טייטש: "הברכות נתונות בידך", וואס איז טייטש, די ברכות זענען איבערגעגעבן אין דיינע הענט.

אבער פון רש"י'ס ווערטער (פס' א) זעהט אויס אז די ברכה איז אנגעהאנגען אין דעם וואס אברהם אבינו וועט וואוינען אין ארץ ישראל, און כדי אז אויך די חוץ לארץ'דיגע איינוואוינער זאלן קענען זוכה זיין צו די ברכה, האט מען מתקן געווען צו ענדיגן די שבע ברכות מיט א תפילה אויף ירושלים, און דורך די גלוסטענישן אויף ירושלים וועט עס פאר זיי גערעכנט ווערן כאילו זיי וואוינען אין ארץ ישראל און זיי האבן אויך א כח צו בענטשן.

שו"ת 'ארץ צבי' ח"ב עמ' שסט

### אין שיחה אלא תפילה

**"וַיִּשְׁמַע אַבְרָם כִּי נִשְׁבָּה אָחִיו וַיָּרֶק אֶת חֲנִיכָיו יְלִידֵי בֵיתוֹ שְׁמֹנָה עָשָׂר וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיִּרְדֹּף עַד דָּן"** (יד יד)

דער טריסקער מגיד זאגט:

די מלחמה פון אברהם אבינו מיט די מלכים איז זיכער נישט געווען קיין נאטורליכע מלחמה, ווייל עס גלייבט זיך נישט אז ווייניג מענטשן זאלן ארויס גיין מלחמה האלטן מיט אזעלעכע פיר שטארקע קעניגן. נאר אברהם אבינו האט זיך פארלאזט אויף דעם כח פון תפילה און האט געדאוונט אז זיי זאלן האבן א מפלה. א רמז אויף דעם האט די תורה געגעבן מיט דעם וואס די צאל מענטשן וואס זענען געגאנגען מיט אים צו די מלחמה - איז 318 כמנין שי"ח, און חז"ל זאגן דאך (ברכות כו ב): "אין שיחה אלא תפילה".

'מגן אברהם'

### ביטחון אין השי"ת כדי צו קענען דאווענען מיט כוונה

**"הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה'... וְאִם אֶקַּח מִכָּל אֲשֶׁר לָךְ"** (יד כב-כג)

אין יאר תרכ"ט, ווען דער **שינאווער רב** איז געפארן קיין ארץ ישראל, האט זיך די שיף אפגעשטעלט אויפן וועג אין איסטאנבול. ווען דער שינאווער רב איז אראפ פונעם שיף, זייענדיג אין פארט האט ער באגעגנט א רייכער איד און האט געשמועסט מיט אים. דער מענטש וואס איז זייער איבערגענומען געווארן פון די געוואלדיגע פערזענליכקייט פון דעם שינאווער רב, האט אים געגעבן א טשעק אויף א גרויסע סומע געלט צו קענען דעקן די הוצאות פון די רייזע. ווען דער שינאווער רב איז צוריק צום שיף און האט זיך געוואלט שטעלן דאווענען, האט ער געשפירט אז עס איז אים שווער אינזין האבן ביים דאווענען. א קורצער חשבון הנפש וואס ער האט געמאכט האט אים צוגעברענגט צו דעם אויספיר אז דאס איז געקומען צוליב וואס ער האט גענומען דעם שטעק וואס האט אים צוגעברענגט צו א פגם אין זיין בטחון אין השי"ת.

לויט די מעשה האט דער צאנזער רבי דער בעל **'שפע חיים'** געטייטש דעם פסוק אזוי:

תרגום אונקלוס טייטש "הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה'" ד.מ. תפילה, און דאס האט אברהם געזאגט פאר דער מלך פון סדום: ווייל איך וויל דאווענען מיט כוונה, דעריבער וועל איך נישט נעמען פון דיר, כדי נישט דאס זאל נישט צוברענגען א פגם אין מיין בטחון.

'בצילא דמהימנותא' וישב תשס"ח עמ' כו

> **"וילמד בניו הקטנים שיענו אמן"**
>
> **"וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ"** (טו ה)
>
> פון דעם פסוק האבן מיר א רמז אויף דעם באקאנטן פסק פונעם רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן, יש לו חלק לעולם הבא", און אזוי קען מען טייטשן דעם פסוק: "לוֹ כֹּה יִהְיֶה" - איז בגימטריה 'אמן', און נעבן דעם שטייט: "זַרְעֶךָ", ווייל אויף דעם פאטער ליגט א חוב אויסלערנען זיינע קינדער זיי זאלן ענטפערן 'אמן' ווי עס דארף צו זיין.
>
> 'זכר עולם' עמ' מד

### אברהם האט געדאוונט ער זאל נישט נכשל ווערן מיט נישט ערליך געלט

**"הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל ה' ...וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת אַבְרָם"** (יד כב-כג)

צום סאטמארער רבי דער בעל **'דברי יואל'** איז אמאל געקומען א מנהל פון א מוסד פון קינדער און האט זיך אפגערעדט, אז די פינאנציעלע צושטאנד פון דער מוסד וואס ער פירט אן ווערט שווערער פון טאג צו טאג, און צוליב דעם האט ער מורא צי ער וועט קענען ביישטיין דעם נסיון פון נישט צו נעמען געלט פון נישט ערליכע קוועלער.

האט אים דער רבי געענטפערט: ביי אברהם אבינו טרעפן מיר אז בעפאר ער האט געשוואוירן נישט הנאה האבן פון די פארמעגן פון מלך סדום "מחוט ועד שרוך נעל", האט ער פריער געדאוונט אויף דעם, אזוי ווי עס שטייט: "הרמותי ידי אל ה'", און אונקלוס טייטש: "בצלוי" - ד.מ. תפילה. אויך דו, גיי אין די פוס טריט פון אברהם אבינו, דאוון זאלסט קענען ביישטיין דעם ניסיון און דער אויבישטער וועט אננעמען דיין תפילה.

'עולמות שחרבו' עמ' פו

### די גרויסע זכות פון אברהם האט זיך געשטארקט אויף זיין מזל

**"שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה מְאֹד: וַיֹּאמֶר אַבְרָם ה' אלוקים מַה תִּתֶּן לִי וְאָנֹכִי הוֹלֵךְ עֲרִירִי"** (טו א-ג)

פארוואס האט אברהם אבינו נאר יעצט געדאוונט אויף קינדער?

ערקלערט **רבי אריה ליב צינץ**:

מיר טרעפן אין מסכת שבת (קנו א): "אין מזל לישראל", ד.מ. אז די מזלות זענען נישט משפיע אויף דאס אידישע פאלק, ווייל זיי קענען עס ענדערן דורך תפילות און זכויות. און תוספות (שם ד"ה אין) פרעגט פון דעם וואס מיר טרעפן אז רבא זאגט אין מסכת מועד קטן (כח א): "חיי, בני ומזוני, לא בזכותא תליא מילתא, אלא במזלא תליא מילתא", ענטפערט תוס', אז די גמרא אין מסכת מועד קטן איז גערעדט געווארן איבער א געווענליכע זכות, אבער די גמרא אין שבת וואס זאגט: "אין מזל לישראל" איז גערעדט איבער א גרויסע זכות, וואס דורך דעם קענען די אידן זיך שטארקן אויף דעם מזל.

לויט דעם איז פארשטענדליך פארוואס האט אברהם נישט געדאוונט ביז יעצט אויף קינדער, ווייל צוליב זיין ענווה האט ער געהאלטן אז ער האט נישט קיין גרויסע זכות כדי צו קענען ענדערן זיין מזל לטובה צו האבן קינדער, אבער ווען דער אויבישטער האט אים געזאגט: "שכרך הרבה מאוד" האט ער פארשטאנען אז ער האט יא א גרויסע זכות וואס קען טוישן זיין מזל, האט ער זיך געשטעלט דאווענען, און זיין תפילה האט אויפגעטוהן צו ענדערן זיין מזל און געהאלפן ווערן מיט קינדער.

'מלא העמר'

### אברהם האט קובע געווען א מקום אויפן דאווענען

**"וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הַבֶּט נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם תּוּכַל לִסְפֹּר אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ"** (טו ה)

"אמר לו: צא מאצטגנינות שלך שראית במזלות שאינך עתיד להעמיד בן" (רש"י)

שרייבט אויף דעם **רבי יעקב הלוי קופשטיין** דער רב פון נִימֶענצִין:

כאטש חז"ל זאגן (מו"ק כח א) אז "חיי, בני ומזוני... במזלא תליא מילתא", אבער נאך וואס די מזל פון אברהם אבינו האט זיך געטוישט לטובה, קען שוין אויך יעדער ענדערן זיין מזל, אויב ער וועט נאר גלייבן און אנערקענען אז דער אויבישטער קען אים העלפן און מיט די כוונה וועט ער דאווענען.

מיט דעם וועלן מיר פארשטיין די גמרא (ברכות ו ב): "כל הקובע מקום לתפילתו - אלוקי אברהם בעזרו"; לכאורה דארף מען פארשטיין וואס איז די גרויסע מעלה פון קובע זיין א מקום לתפילתו, און פארוואס זאגט מען פונקט: "אלוקי **אברהם** בעזרו"?

נאר מ'קען זאגן אז איינער וואס איז קובע א מקום צום דאווענען איז עס ווי ער רופט אויס אז ער פארלאזט זיך נאר אויף דעם אויבירשטן, וואס ער קען צוהערן צו זיין תפילה אויף זיין באשטימטן פלאץ, אן ער זאל דארפן גיין פון איין פלאץ צום צווייטן אזוי ווי בלעם וואס האט געטוישט זיין פלאץ איינמאל נאכן צווייטן מיט א האפענונג אז ער וועט זיך מתגבר זיין אויף זיין מזל און עס וועט אים געלונגען צו שעלטן (במדבר כג יג), און נאר דער וואס פירט זיך אזוי וועט זוכה זיין אז דער אויבישטער וואס האט געטוישט דעם מזל פון אברהם אבינו לטובה, וועט אויך טוישן זיין מזל לטובה ולברכה.

שו"ת 'בית לוי' בפתיחה

## וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה" (טו ו)

דער גאון רבי **אברהם יוסף** דער פאטער פון דער גאון רבי **חיים קרייזווירטה** זצ"ל שרייבט אין זיין ספר 'בית אברהם':

דעריבער שטייט 'והאמן', ווייל ווען אברהם האט געהערט די ברכה פון "כה יהיה זרעך" האט ער זיך געאיילט צו ענטפערן 'אמן', און מיט דעם האט ער איינגעווארצלט אין די קומענדיגע דורות דעם חיוב פון ענטפערן 'אמן' נאך יעדע ברכה, און אויף דעם איז געזאגט געווארן: "ויחשבה לו צדקה".

אמן. מדור לדור.



# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קריאת שמע ארייַנפיר (ח"ב)

### קריאת שמע איז ווי קרבנות

ביי די מצוה פון קריאת שמע טרעפן מיר אין מדרשי חז"ל וויאזוי זיי רעדן פון איר גרויסקייט, וואס פון דעם קענען מיר אויך זעהן די חשיבות פון עס זאגן אין איר צייט, אינדערפריה און ביינאכט. חז"ל זאגן אין מדרש (דב"ר [ליברמן] פר' ואתחנן):

"ריש לקיש זאגט: א מענטש דארף זיין געווארנט אין די מצוה פון קריאת שמע וואס דאס איז שקול אקעגן אלע קרבנות, אזוי ווי מ'האט מקריב געווען קרבנות סיי צופריה און סיי פארנאכט'ס, אזוי אויך קריאת שמע איז סיי צופריה און סיי ביינאכט, אזוי ווי עס שטייט: 'ובשכבך ובקומך' (דברים ו ז)".

אין ילקוט שמעוני (ואתחנן רמז תתלה) ווערט געברענגט אויף דעם א משל:

"א חכם וואס זיין זוהן האט אים געברענגט צוויי סעודות יעדן טאג, איינס צופריה און איינס ביינאכט. נאך א שטיקל צייט האט דער חכם געזעהן אז זיין זוהן איז געווארן א ארימאן און ער קען שוין מער נישט צוגרייטן אזוי ווי ביז יעצט, האט אים זיין פאטער גערופן און האט אים געזאגט: 'מיין קינד, איך ווייס אז דו קענסט שוין מער נישט צוגרייטן די צוויי סעודות וואס דו האסט מיר געברענגט, איך בעהט נישט פון דיר נאר דאס אז דו זאלסט מיך אויסהערן ווען איך דרש'ן אין שוהל צוויי מאל יעדן טאג, און דאס איז מיר בא'טעמ'ט פונקט ווי די צוויי סעודות וואס דו האסט מיר געברענגט ביז יעצט'.

אזוי אויך האט דער אויבישטער געזאגט פאר די אידן: 'אמאל האבן ענק מקריב געווען פאר מיר צוויי מאל יעדן טאג, אזוי ווי עס שטייט: 'אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם' (במדבר כח ד). פאר מיר איז גלוי וידוע אז די בית המקדש וועט חרוב ווערן און ענק וועלן שוין נישט קענען מקריב זיין דארט די קרבנות, איין זאך בעהט איך אנשטאט די קרבנות - שמע ישראל אינדערפריה און שמע ישראל ביינאכט, און דאס איז פאר מיר מער פון אלע קרבנות'".

דער 'יפה ללב' (ח"א סי' סא) האט צו דעם צוגעשטעלט וואס חז"ל זאגן אין מדרש שיר השירים (ה ב): "'אֲנִי יְשֵׁנָה וְלִבִּי עֵר' - כנסת ישראל האט געזאגט פאר השי"ת, רבונו של עולם, איך בין פארשלאפן פון די קרבנות, אבער מיין הארץ איז אויף צו קריאת שמע...".

### כלביא יקום וכארי יתנשא

ווען בלעם איז געקומען בענטשן די אידן איז ער באגייסטערט געווארן און האט זיי משבח געווען: "הֶן עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא" (במדבר כג ד), און אין מדרש (במדב"ר כ כ) ווערט ערקלערט: "עס איז נישט פארהאן נאך א פאלק אויף דער וועלט אזוי ווי זיי... זיי שטייען אויף פון זייער שלאף ווי לייבן, און זיי ליינען קריאת שמע און זענען ממליך דעם אויבערשטן, און זיי ווערן אזוי ווי לייבן... אויב די 'מחבלין' קומען צורירן צו איינעם פון זיי, איז ער באלד ממליך דעם אויבערשטן..., ווען ער זאגט 'ה' אחד', ווערן די מחבלין פארלענדט, און ווען ער זאגט: 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד' זאגן זיי אים נאך, און זיי אנטלויפן..."

און טאקע אזוי, אין חז"ל טרעפן מיר טאקע אז די סגולה פון קריאת שמע איז זייער גרויס צו פארשניידן אלע פיינט פון די אידן, און אין מסכת סוטה (מב א) זאגט אויך רשב"י, אז די זכות פון קריאת שמע צופריה און ביינאכט איז אזוי גרויס אז די אידן זאלן נישט איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די פעלקער.

### עס איז מבטל דעם כח פונעם יצר הרע

אויך איבער די מלחמה מיט דעם יצר הרע איז איר זכות געוואלדיג, אזוי ווי מיר זעהן אין גמרא אין מסכת ברכות (טו ב, וכעין זה בילקוט שמעוני שה"ש רמז תתקפו): "כל הקורא קריאת שמע ומדקדק באותיותיה - מצננים לו גיהנם", און נאך שטייט אין גמרא (שם ה א) אז ליינען קריאת שמע איז א סגולה צו געווינען דעם יצר הרע.

דער 'כף החיים' (סי' סא ס"ק נו) ברענגט א שיינע טעם אויף דעם וואס מ'קילט אפ דעם גיהנם פאר איינער וואס ליינט קריאת שמע און איז מדקדק אין אירע אותיות: די טבע פון א מענטש איז אז צוליב זיין בלוט קאכעניש וויל ער ענדיגן אלע זיינע זאכן ווי שנעלער, דער מענטש וואס האט זיך געשטארקט אויף זיין טבע און האט אפגעקילט זיין כאראקטער כדי צו ליינען קריאת שמע געלאסן - איז ראוי אז מ'זאל פאר אים אפקילן דעם גיהנם.

א אינטערסאנטער זאך שטייט אין זוהר הקדוש (תיקו"ז, הקדמה דף ח ב): "ווען א מענטש ליינט קריאת שמע אינמיטן דאווענען, איז דער יצר הרע צוגעבינדן און ער האט נישט קיין רשות צו אנטלויפן, וואויל איז פאר דעם וואס איז זוכה אים צו שחט'ן דעמאלטס ווען ער דאווענט".

### די עונש פון עס מבטל זיין

פון די צווייטע זייט האבן די חכמים זייער מחמיר געווען אין די שטראף פון דער וואס ער איז עס מבטל, אזוי שטייט אין מס' שבת (קיט ב): "לא חרבה ירושלים אלא על שביטלו קריאת שמע שחרית וערבית", און אין מסכת ברכות דרש'ענען חז"ל: "'מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן' (קהלת א טו) - זה שביטל קריאת שמע של ערבית וקריאת שמע של שחרית". און אין זוהר הקדוש (בלק דף קפו א) שטייט אז דער וואס האט נישט געליינט קריאת שמע אין צייט איז ער מנודה לשמים א גאנצן טאג.

דער 'חפץ חיים' ברענגט אויף דעם א משל, א מענטש וואס איז געווען געוואוינט צו זאמלען פאר זיך אסאך פאפירענע געלטער פון אלע עקן פון די וועלט ביז עס האט זיך אנגעזאמלט ביי אים א ריזיגע סומע. און איינע פון די טעג איז ער געוואר געווארן אז ביז א קורצע צייט וועלן די אלע געלטער מער נישט האבן קיין ווערד. דער מענטש האט זיך געאיילט צום באנק צו טוישן די געלטער, אבער דארט האט מען אים געזאגט אז ער האט שוין פארשפעטיגט.

ער האט געהאלטן די גלאטע פאפירן אין זיינע הענט אינגאנצן אפגעפאטשט, און אט באמערקט ער פון די זייט ווי איינער גיט איבער פארן באאמטער א פעקל צוקנייטשע און אפגעריבענע פאפירענע געלטער, און צו זיין איבערראשונג האט ער עס יא אנגענומען און האט אים געגעבן זייער ווערד. ווען ער איז געקומען מיט צארן צום באאמטער און זיך אפגערעדט; וויאזוי קען זיין אז מיינע שיינע גלאטע פאפירענע געלטער האט מען נישט אנגענומען, און די אפגעריבענע פאפירן פון דעם מענטש האט מען באלד אנגענומען? האט ער אים געענטפערט: דיינע פאפירענע געלטער גלאנצן טאקע און זענען שיין, אבער עס איז שוין אריבער די צייט וואס זיי זענען ווערד געווען און זענען שוין מער נישט ווערד אויף גארנישט.

האט דער חפץ חיים געענדיגט זיין משל, דער וואס זאגט קריאת שמע נאכן צייט, אפילו ער האט אינזין געהאט מיט זיין גאנצע הארץ, וועלן זיי נישט אנגענומען ווערן לרצון, און נישט ווייל עס פעלט עפעס אין זיי, נאר פשוט... ווייל עס איז שוין נאך די צייט ('חפץ חיים' עה"ת פר' ואתחנן בהערה).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## זיך אויסוועלן איינס פון די צוויי תפילות

יאר ה"א תרע"ז. ענדע די ערשטע וועלט'ס קריג. די 'באלשעוויקן רעוואלוציע' האט זיך צושפרייט אין די רוסלאנד אויף די לענג און די ברייט, און האט צובראכן די פארדארבענע הערשאפט פון דעם רוסישן צאר. דעם צאר האט מען שוין אראפגעווארפן פון זיין בענקל, און ביז א קורצע צייט איז ער געשטאנען גרייט צום הרג'ענען צוזאמען מיט זיין גאנצע פאמיליע מיט א גרויסן שאנד, ווען אנשטאט אים איז אויפגעשטאנען מער א פאדארבענער און א גרויזאמער הערשאפט, א הערשאפט וואס האט פארביטערט דאס לעבן פון די צעהנדליגער מיליאנען איינוואוינער וואס אין אנהויב האבן זיי פאר אים געשפיגן בלוט און געהאט אין דעם א שטארקע האפענונג.

אינצווישן האט געהערשט א כאַאָס אין די ריזיגע קעניגרייך. די 'רויטע' - די קענגנער'ס פון דער צאר, האבן זיך אן א אויפהער ארום געקריגט מיט די 'ווייסע' - די אנהענגער פון דעם אראפגעווארפענעם צאר, און די ביידע גרופע'ס, וואס האבן ריכטיג אויסגעפירט די באקאנטע הלכה פון 'עשיו שונא ליעקב', האבן ארויסגעגעבן זייער צארן אויף יעדן איד וואס זיי האבן אנגעטראפן אין זייער וועג.

אינצווישן, ווען איבעראל הערשט א פאניק און א טומל, זענען אכציג תלמידים פון די ישיבה פון דער חפץ חיים זיע"א געזיצן אין א טונקעלן בית המדרש אין די קליינע שטעטעלע שומיאץ וואס איז אין ווייס-רוסלאנד, וואס אין די שווערע צייטן זענען זיי אנטלאפן פון ראדין צוזאמען מיט זייער גרויסער רבי' האפנדיג צו טרעפן א רוהיגקייט אין די פארווארפענע שטעטל שומיאץ. אזוי ווי א אינזיל פון רואיגקייט אין א שטורעמישער ים איז די ישיבה אנגעגאנגען אויף איר שטייגער ווען די תלמידים זענען פארטיפט אין די הוויות דאביי ורבא, און זיי פארהוילן זיך אינגאנצן פון וואס עס טוהט זיך אפ אין די גאס.

פלוצלינג האט זיך די טיר אויפגעבראכן מיט א זעץ. די דערשראקענע בחורים האבן געגעבן א בליק צו דעם טיר וואס איז יעצט פארשטעלט געווארן מיט א פארגרעבטער געשטאלט מיט א שרעקעדיגער אויסזעהן ווען אונטער אים שטייען א באנדע אנגעוואפנטע. דאס איז געווען איינס פון די באנדע'ס פון די 'ווייסע' וואס האבן געווארפן זייער שרעק אויף די דערפער ארום. יעצט האבן זיי זיך ארויפגעזעצט אויף די קליינע שטעטעלע שומיאץ, און זיי האבן יעצט געהאלטן אינמיטן זיך אומקוקן צי עס איז נישט געבליבן אין שטעטל קעגנער'ס וואס קענען זיך צוזאמנעמען אקעגן זיי צום צווייטן מאל.

דער אפיציר האט געקוקט אויף די גרופע יונגע וואס זענען געזיצן אקעגן אים אין דעם טונקעלעם צימער און האט זיך געריבן די הענט מיט א קענטיגע פארגעניגן. ער איז געווען זיכער ביי זיך אז ער איז 'ארויף' אויף א הינטערערדישע גרופע פון די 'רויטע' וואס ווילן זיך באהאלטן פון די אנהענגער פון דער צאר כדי צו קענען צוריק פירן א מלחמה אקעגן זיי.

"אלע זאלן זיך שנעל אוועק שטעלן אינדרויסן" - האט געדונערט די שטימע פון דער אפיציר ווען ער שטעלט אן זיין געווער אקעגן די דערשראקענע בחורים, "באלד וועט זיין ענקער סוף, פארשעמטע קעגנער'ס, ענק זאלן וויסן אז די לאנגע האנט פון דעם געשעצטן צאר וועט נאכלויפן יעדן וואס וועט ווידערשפעניגן אין אים".

הערנדיג מיט וואס מ'באשולדיגט זיי האבן זיי נישט געוואוסט צי לאכן אדער וויינען, אונז? פון די רויטע? מיר זענען דאך דא געקומען נאר כדי זיך צו ראטעווען פון זיי, וויאזוי קען מען אונז חושד זיין אז מיר געהערן צו זיי?!

"מיר זענען נישט קיין קעמפער'ס", האבן זיי פראבירט צו זאגן פארן אפיציר, "דא איז א שוהל וואו מיר לערנען און דאווענען...". זיי האבן געהאפט אז דער אפיציר וועט זיך נישט דערוואגן צו טשעפענען מיט זייער שוהל און ער וועט זיי באפרייען לשלום.

דער אפיציר האט זיך נישט שנעל איבערגערעדט, אבער זיין בליק איז אביסל ווייכער געווארן. ער האט אראפגעלייגט זיין געווער ווען ער לאנט זיך אן אויף דעם, ער ווייסט נישט וואס איז דאס תורה און וואס איז די באדייט אז בחורים זאלן זיך אין דעם פלאגן, אבער דאס האט ער גוט געוואוסט וואס הייסט דאווענען און וואס מיינט א שוהל. אויב עס רעדט זיך פון א שוהל - האט באשלאסן דער אפיציר, דארף דא זיכער זיין א 'ראבין', זאל דער ראבין קומען צו אים און אים פראבירן אויפווייזן אז זיי זאגן אמת.

זייער שנעל איז דער חפץ חיים אריבער געקומען; "איך בין דער ראבין", האט דער הייליגער אלטישקער צדיק געזאגט ווען זיינע אויגן קוקן אראפ, "וואס ווילסט?" - האט ער געפרעגט פון דעם פארגרעבטן געשטאלט וואס איז געווען אקעגן אים.

"דיינע תלמידים זאגן אז זיי זענען נישט פון די קעגנער'ס, נאר זיי זענען אידן וואס האבן זיך צוזאם געגומען צו דאווענען, אפשר זאגט איר מיר אויף וואס פונקט האבן ענק יעצט געדאוונט?"

"זאלסט וויסן אז קיינמאל אין מיין לעבן האב איך נישט ארויס געזאגט קיין ליגנט פון מיין מויל און אויך יעצט וועל איך נישט זאגן א ליגנט!", האט דער חפץ חיים אנגעהויבן, און האט באלד גענומען א סידור אין זיין האנט, און האט אויפגעמישט ביי תפילת מוסף פון שבת און האט אים געזאגט: "קוק נאר מיין האר, דא זענען פארהאן צוויי תפילות וואס שטייען איינס נעבן דעם צווייטן, איינס איז די תפילה פון 'הנותן תשועה למלכים' - ווי אין די תפילה בעהטן מיר יעדן שבת אויף די הצלחה פון דער צאר אין אלע זיינע מלחמות און געשלעגערייען. די צווייטע איז די תפילה 'אב הרחמים' - ווי דארט בעהטן מיר פונעם האר פון אלע וועלטן ער זאל זיך אננעמען פאר די פארגאסענע בלוט פון די אידן וואס זענען גע'רצח'עט געווארן דורך זייערע פיינד אומשולדיגערהייט".

דער אפיציר האט געקוקט מיט וואונדער אויף די הייליגע געשטאלט פונעם חפץ חיים, און האט געענדיגט זיינע ווערטער מיט א ווייכע שטימע אבער א פעסטע:

"מיין האר, דער אפיציר, דו האסט יעצט א מעגליכקייט זיך אויסוועלן אין וועלכע פון די צוויי תפילות זאלן מיר דיך אינזין האבן, צו ביי די ברכה פון 'הנותן תשועה למלכים', אדער ביי די געבעהט: 'נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך'... וועלכע ווילסטו אויסוועלן?"

"די ערשטע, ראבינער, די ערשטע!" - האט דער אפיציר נישט געקווענקלט בעפאר ער האט געענטפערט, און האט באלד באפוילן פאר זיינע מענטשן זיי זאלן פארלאזן דאס פלאץ און לאזן פאר די בני הישיבה פארזעצן זייערע לערנונגען אן קיין שטערונגען.

'צדיק תמים' עמ' ק"ל

עיצובים shay